# די דריי קמעות

גלייך ווי די מלחמה האָט אויסגעבראָכען האָט חיים בעריש, א שעהנער רייכער בעל־הבית אין פּוילען, דערפיהלט, אז עס קומען אָן זעהר שלעכטע צייטען. מילא, דאָס וואָס מען צאָהלט איהם ניט קיין חובות, איז בלאָטע, דערפון לאכט ער: ער קומט לייטען מעהר ווי לייט איהם. וועט מען איהם ניט צאָהלען, וועט ער אנ־דערע ניט צאָהלען, און ער וועט נאָך דערפון האָבען א נוץ. שלעכט איז בלויז, וואָס מען באָרגט ניט קיין ברויט און קיין גרויפּען אין די געוועלבלעך.

אָבער חיים בעריש באקומט דערווייל א מאָראלע שטיצע אַזש פון צאר אליין... ער האָט פון צאר א שריפט, געדרוקט שווארץ אויף ווייס, און דוקא אויף אידיש, אז אויב ער וועט זיין א גוטער פּאטריאָט וועט ער באקומען אלע רעכטע און ער וועט מעגען וואוינען וואו ער וויל און ער וועט מעגען טאָן וואָס ער וויל, און לערנען זיינע קינדער אין די שקאָלעס, און פאהרען אויף אלע ירידים, אפילו אין „ניזשני"...

דעם דאָזיגען געדרוקטען „שלום לאהובי" בריוועל פון צאר אליין איז דאָס ביי חיים בעריש'ן אָנגעלענט. ער האלט עס באהאלטען אין דער רעכטער הויזען־טאַש, וואו ער האָט נאָך פאר דער מלחמה געהאלטען דאָס געלד, און די דאָזיגע שריפט היט ער ווי א וועקסעל — אויפ'ן צאר...

— עס איז גוט געלד!...

און כאָטש די לאַנגע איז וואָס א טאָג ערגער געוואָרען, איז חיים בעריש מיט'ן וועקסעלע אין קעשענע אלץ געוואָרען גע־הויבענער, און אין א שמועס מיט אלטע בעלי־בתים (די יונגע האָט מען אלע צוגענומען אין מלחמה!) האָט ער מיט שטאָלץ ארייננעוואָרפען:

— מילא, עס איז טאַקי דערוויילע ניט גוט, אבער שפּעטער, שפּעטער... איהר פארשטעהט... דער צאַר אליין שרייבט...

אלא וואָס דען? טאָמער פארלירט דער רוס די מלחמה און פראַנץ יאָזעף געווינט גאָר, איז דאָך שוין דער וועקסעל קיין וועקסעל ניט...

טוט גאָט א נס — און פראַנץ יאָזעף שיקט אויך ארײַן חיים בעריש'ן א געדרוקטען בריעף אין רײַנעם מאמע־לשון, און דאָס ברױוועל איז נאָך ווארימער ווי דעם צאַר'ס:

„אויב דו, חיים בעריש, וועסט זיין גוט צו די עסטרייכער,— שטעהט דאָרט געשריבען, — וועל איך, פראַנץ יאָזעף, דיך ניט פארלאָזען. דו וועסט געניסען פון כל טוב, וואָס מיין לאַנד, סיי בוקאָווינע, סיי גאַליציען און סיי מעהרען און בעהמען פארמעגט. דו וועסט מעגען טאָן וואָס דיין הארץ גלוסט. דו זיי נאָר א מענש און פאָלג וואָס מען וועט דיר הייסען; איך וועל דיר שוין פארזאָרגען!"...

איז חיים בעריש שוין ווידער פרעהליך. ער באהאַלט דעם דאָזיגען צעטעל פון פראַנץ יאָזעף'ן אין א צווייטער קעשענע — מישען איהם מיט'ן צאַר'ס ברױוועלע פאַסט איהם ניט — עס איז עפּיס א מין שעטנז! מען טאָר ניט!

האָט שוין חיים בעריש פון צוויי מלכים הבטחות! דערוויילע איז אָבער שלעכט! — די געשעפטען אין דר'ערד. עס קומט פּשוט אויס צו הונגערען.

אָבער גאָט איז א פאָטער, און אז חיים בעריש'ן ווערט גאָר שלעכט, באקומט ער א דריט ברױוועל, שוין אין צוויי לשונות, אין אידיש און לשון־קודש — פון ווילהעלם'ן אליין.

און ווילהעלם פארשפּרעכט חיים בעריש'ן נאָך מעהר ווי דער

צאר און פראנץ יאזעף לחבדיל צוזאמען... גאלדענע בערג זאגט ער איהם צו, וויבאלד, אז ער נעהמט פוילען.

זאל נאר חיים בעריש איהם ניט שטערען, וועט ווילהעלם שוין וויסען ווי אזוי איהם צו באדאנקען.

וואונדערט זיך אפילו חיים בעריש אויף דער גאנצער מעשה און טראכט:

— רבונו של עולם! מיט וואס האב איך דאס ביי דיר זוכה געווען, אז דריי מלכים, און נאך וואס פאר א מלכים — די טייז פון אייראפא! — זאלען זיך בעטען ביי מיר, איך זאל זיי העלפען!

נאר מסתמא ווייסען זיי דאך. מלכים וועלען דאך אומזיסט ניט בעטען זיך ביי איהם.

און חיים בעריש פארשטעקט דאס דריטע צעטעלע, פון וויל־העלם'ן הייסט עס, אין דעם בוזעם־טאש.

האט ער שוין אין דריי טאשען פאפיערען, אין יעדער טאש א פאפיער פון א באזונדער מלך!

וואלט דאכט זיך גאר גוט געווען. עמיצער וועט דאך אמאל מוזען געווינען. איז אבער אן אומגליק וואס דערוויילע איז צרות!

קומט דער רוס אין שטאדט, מאכט ער אן א חורבן! אין הויז פול סאלדאטען, די טעכטער מוז מען באהאלטען אין א קעלער... טאמער געפינט זיך אין שטוב עפיס עסענווארג, פרעסען זיי דאס אויף...

פאלט אריין, ווידער, דער דייטש אין שטאדט, איז נאך גרע־סערע צרות. דער דייטש, אז ער געהט אריין אין שטאדט, האט ער א טבע פריהער זי א ביסעלע אנשרעקען מיט עטליכע האר־מאטען־שאסען און מען צולויפט פון שטאדט וואו דער שווארצער פעפער וואקסט...

און חיים בעריש וואלגערט זיך ערגעץ אויף א פעלד, טאפט די דריי קעשענעס, וואו עס ליגען די בריוולעך וואס די דריי מלכים האבען אליין געשריבען צו איהם. — —

און ער קען זיך ניט געבען קיין עצה...

פון איין זייט איז איהם טאקי גאנץ אנגענעהם — דריי בריעף פון די גרעסטע מלכים האט ער אין די טאשען!

אבער פון דער צווייטער זייט איז אויפ'ן פעלד זעהר קאלט און דאס הויז זיינס אין שטאדט איז שוין אודאי חרוב, און ביז וואנען די הבטחות פון די דאזיגע בריעף וועלען מקוים ווערען, ועט ער אויפ'ן פעלד פארפריהרען און די ווייב און קינדער וועלען אויסגעהן פאר הונגער...

און חיים בעריש וואלט זיי שוין מוחל געווען די גליקען מיט דעם כבוד, וואס ער האט פון דעם, וואס די מלכים ווענדען זיך צו איהם — אבי זיי זאלען איהם לאזען צוריק אין שטאדט צו זיין הויז און זיין געשעפט... ער וויל ניט קיין גליקען, ער וויל עס זאל בלייבען אלץ ביים אלטען.

נאר געה האב צו טאן מיט מלכים! זיי איהם מעגען שרייבען וואס זיי פאלט ארויף אויפ'ן צונג, אבער דו זיי טארסט צוריק א ווארט ניט שרייבען!...

— ניין! — מיט מלכים איז בעסער ניט אנצוהויבען... — ווערט ער בייז און ער וויל דאס הארץ אויסגיסען.

אבער פון ערגעץ ענטפערט מען איהם מיט הארמאטען... חיים בעריש פארשטעהט שוין דאס דאזיגע לשון, ער וויים אבער ניט, וועלכער מלך רעדט עס: דער דייטשער, צי דער רוסישער צי דער עסטרייכישער...

און ער לאזט זיך לויפען מיט די דריי קמיעות ערגעץ ווייט אין דער פינסטערער נאכט אריין...